# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך


**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב


לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ
כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה.

בעזרת השי"ת ▪ בהר בחקותי תש"פ ▪ גליון ע'

# "איך האב געזאגט, יעצט זאג איך אנדערש!"

## וויפיל איז דיין ווארט ווערד?...

סיי ביי אידן און להבדיל ביי גוים, איז דאס ערגסטע טיטל וואס מען קען געבן פאר א מענטש, איז דאס אז... "**דו ביסט נישט קיין ווארטס-מענטש!**" יעדער וויל האבן דער נאמען ווי א ווארטס-מענטש, אבער נישט אייביג קומט דאס אן אזוי לייכט פאר א מענטש צו מקיים זיין...

ווען דער מצב טוישט זיך און עס ווערט שווער פאר א מענטש צו זיין א אומר ועושה מדבר ומקיים, שטעלט זיך דער שאלה: **פארוואס מוז איך מקיים זיין דאס וואס איך האב געזאגט?** איך קען דאך האבן א תירוץ און זאגן... איך האב נישט געוואוסט... איך האב נאר געמיינט צו זאגן... דער מצב יעצט איז נישט דער זעלבע פון פריער... **פארוואס דארף איך אזוי שטארק האלטן מיין ווארט?**

די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז אויס דער מצוה פון "ערכין". ווען מיר וועלן לערנען און פארשטיין דער עומק אינעם ביאור פון אט די הייליגע מצוה, וועט אנטפלעקט ווערן אינגאנצן א נייע דערהער אינעם ענין פון דיבור, ועי"ז **וועלן מיר פארשטיין דעם געוואלדיגן חילוק צווישן דער איד און להבדיל דער גוי אינעם ענין פון זיין אן עומד בדיבורו...**

## לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אִישׁ כִּי יַפְלִא נֶדֶר בְּעֶרְכְּךָ נְפָשֹׁת לַה'.** (ויקרא כז א-ב)

דער אייבערשטער זאגט פאר משה: דו זאלסט זאגן פאר כלל ישראל... א מענטש וואס וועט ארויסרעדן פון זיין מויל א נדר, **בְּעֶרְכְּךָ נְפָשֹׁת לַה'**, ער וועט מאכן א נדר פארן אייבערשטען בלשון "ערך נפשות", דהיינו ער וויל געבן פאר צדקה די ווערד פון א נפש. זאגט די תורה: **וְהָיָה עֶרְכְּךָ הַזָּכָר מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְעַד בֶּן שִׁשִּׁים שָׁנָה וְהָיָה עֶרְכְּךָ חֲמִשִּׁים שֶׁקֶל כֶּסֶף בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ...** דער פרייז וועט זיך ווענדן וועלכע נפש ער האט געמיינט צו זאגן... (דהיינו ערך של פלוני עלי)

### עירוכין מהו?...

די מפורשים זענען מסביר: ערכין איז א חידוש בענין נדרים וואס די תורה האט מחדש געווען, אז ווען איינער איז זיך מחייב צו געבן פאר צדקה "די שאצונג פון א נפש", פון זיך אדער פון א צווייטן, בלשון ערכין, דארף ער געבן א געוויסע סכום געלט פאר הקדש, געוואנדן לויט די יארגאנג און די מין פונעם מענטש. (כפי שנערך על ידי עשרה דיינים ובתוכם (לפחות) דיין אחד שהוא כהן.)

די פרייזן זענען ביי אלעמען גלייך, לויט וויפיל די תורה האט אוועקגעשטעלט. עס איז נישט קיין חילוק אויב יענער איז שיין אדער מיאוס, יענער איז א שר אדער אן עבד, נאר יעדער פון דעם מין און אין דעם יארגאנג, האט דער זעלבער פרייז. דאס איז אנדערש פון א פשוט'ע נדר וואס א מענטש זאגט "**דמי עלי**" וכו', וואס דעמאלטס, שאצט מען לויט די פיזישע ווערד פון יענעם, דהיינו פאר וויפיל געלט וואלט ער פארקויפט געווארן פאר אן עבד....

| מיט דעם קענען מיר פארשטיין ... |
| --- |
| א. **וַיִּמְכְּרוּ אֶת יוֹסֵף לַיִּשְׁמְעֵאלִים בְּעֶשְׂרִים כָּסֶף...** (בראשית לז' כה). פארוואס פונקט 20 כסף? ווייבאלד יוסף איז דעמאלטס געווען צווישן 5-20 (17 יאר), איז די פרייז הנקבע בתורה 20 שקל. |
| ב. **פארוואס געבט מען פונקט 5 סלעים ביי א פדיון הבן?** ווייבאלד דאס קינד איז דעמאלטס נאך 30 טעג אלט, איז די פרייז הנקבע בתורה פינף סלעים. (סלע ה"ה כשקל הקודש) |

### לאמיר פארשטיין דעם ענין!

**פארוואס וואלט א מענטש ענדערש געזאגט "ערכי עלי" און נישט סתם מנדב זיין געלט?**

געבט דער אלשיך הק' צו פארשטיין: דער נדר פון ערכין איז א געוויסע פרישות און הייליגקייט וואס דער מענטש נעמט אויף זיך. ער וויל זיך הייליגן און רייניגן לשמו יתברך (אזוי ווי א נדר פון א נזיר). ווען ער זאגט "**ערכי עלי**", מיינט ער צו זאגן אז די קדושה זאל חל זיין אויף



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

זיך און דערנאך וויל ער דאס אויסלייזן, אזוי ווי יעדע זאך וואס מען איז מקדיש און דערנאך לייזט מען דאס אויס. און דאס איז א געוואלדיגע סגולה...

> ווי דער מדרש זאגט: **אמר להן הקדוש ברוך הוא לישראל: אם אתם מביאין לפני ערכים שלכם, מעלה אני עליכם, "כאלו נפשותיכם הקרבתם לפני"**... אזוי אויך, זאגט דארט דער מדרש: **אמר הקדוש ברוך הוא לישראל: בזכות הערכין אני מציל אתכם מגהינום.** (מדרש תנחומא סי' ו)

דערפאר, טוט מען נישט אפשאצן דער מענטש כפי שנמכר בשוק, ווייל דא איז עס בכלל נישט קיין אפשאצונג אויף דער גוף, צו עס איז שטארק אדער שוואך. נאר מיר ווילן דא שאצן דעם נפש, דער מענטש וויל אויסלייזן זיין הייליגן נפש. און וויבאלד די שאצונג פון א נפש ווייסן מיר נישט, **כי אין ידועה זו בלתי לה' לבדו**, נאר דער אייבערשטער ווייסט באמת ווער איז חשוב און ווער נישט, דערפאר האט די תורה קובע געווען א מחיר קבוע, איין שאצונג פאר יעדעם צוגלייך, געוואנדן לויט די יארגאנג און די מין פונעם מענטש, לויט ווי דער מעריך האט געזאגט, **"ערכי עלי"** אדער **"ערך בני עלי"**...

## לאמיר זיך דאס פארשטעלן...

בזמן שבית המקדש היה קיים שיבב"א[א], איז געווען א איד, (לאמיר אים רופן "אבנר",) א יונגערמאן בערך אין די דרייסיגער יארן, א וואוילער און א פשוט'ע איד... ויהי היום, דער אבנר געפונט זיך אין א עת צרה[ב], ער דארף וויכטיג האבן א ישועה. ער ווענדט זיך צום אייבערשטען מיט א הייסע תפילה, זאגנדיג דערביי, "רבוש"ע, איך בעט דיר, העלף מיר, ראטעווע מיר, נעם מיר ארויס פון מיין צרה. און איך זאג דיר צו, איך וועל אויסלייזן מיין זעהל כדי ערכי אדער כפי ערך בני, און איך וועל מנדב זיין דעם סכום געלט פאר דיין כבוד וועגן, דהיינו פארן בדק הבית פונעם ביהמק"ד[ג]."

וכך הוי, ויצעקו אל ה' בצר להם וממצוקתיהם יצילם, דער איד איז א געהאלפענער. אבנר גרייט זיך צו מקיים זיין דער צוזאג...

ער גייט ארויף צום ביהמק"ד און זיכט אויף א כהן. ער בעט אים, "רבי, איך וויל זיך אפשאצן, איך דארף וויסן וויפיל געלט איך דארף ברענגען." דער כהן געבט אים "שלום עליכם" און זאגט אים, "ר' אבנר, איידער מיר הייבן אן דעם פראצעדור, לאמיר קודם מברר זיין אפאר נקודות...

**א-** וועלכע ווערטער האסטו ארויסגעזאגט פון דיין מויל בשעת דו האסט געמאכט דיין נדר? **"הרי עלי"**, **"דמי עלי"**, אדער **"ערך... עלי"**? און אויב האסטו געזאגט ערך, וועמען'ס ערך האסטו געזאגט? **"ערכי עלי"**, אדער **"ערך בני עלי"**?

"איי!! פון וואו זאל איך געדענקן גענוי וואס איך האב דעמאלטס געזאגט? איך בין געווען פארלוירן, האב איך צוגעזאגט געלט..." דער כהן פרעגט מיט וואונדער, "וואס הייסט?! איר ווילט מיר זאגן אז איר האט עפעס ארויסגעזאגט פון מויל פארן גרויסן באשעפער און איר געדענקט נישט וואס איר האט געזאגט??"

"יא יא, איר זענט גערעכט, נישט ממש אז איך געדענק נישט, נאר דעם פונקטליכע לשון געדענק איך נישט. דאס איז אמאל זיכער אז איך האב זיך געוואלט אויסלייזן אבער דער גענויע לשון **דמי עלי** אדער **ערכי עלי**, דאס דארף איך נאך ארייננטראכטן! רבי טייערע, איז דאס א נפק"מ להלכה??"

דער כהן, זעענדיג מיט וועמען ער האט דא צוטוהן, געבט אים צו פארשטיין, "מיין טייערע אבנר, אודאי איז דאס א נפק"מ! די הייליגע תורה הק' לערנט אונז אז עס ווענדט זיך וועלכע ווערטער דער מענטש האט געזאגט. אויב ער האט געזאגט **"הרי עלי"** אדער **"דמי עלי"**, האט ער געמאכט א "נדר". אבער אויב האט ער געזאגט **"ערכי עלי"**, האט ער געמאכט אן "ערך". און ווען עס איז אן ערך, איז דאס אינגאנצן אן אנדערע פרייז ווי ווען מען זאגט "דמי עלי"... **איין ווארט אנדערש און דאס טוישט שוין דער גאנצע דין!!**

אבנר טראכט און טראכט, ער גייט צוריק צום געשעעניש, "יא, יא, איך דערמאן זיך, איך האב צוגעזאגט צו געבן **מיין ווערד**! אבער וועלכע לשון האב איך געזאגט??"

פלוצלינג דערמאנט ער זיך פון זיינע געפילן וואס ער האט דעמאלטס געשפירט וועלנדיג אוועקגעבן זיין רוחניות'דיגע נפש. ער געדענקט אז ער האט אמאל געהערט פון זיין רבי אז מאכן א נדר בלשון "עריכין" איז אביסל הייליגער ווי סתם מאכן א נדר. ער דערמאנט זיך אפי' דעם חילוק... דא לייזט מען אויס דער נפש און ביי "דמי עלי", לייזט מען אויס דער גוף... זייענדיג דעמאלטס אין אן ענגער מצב, האב ער זיכער געזאגט "ערכי עלי"...

## "ערכי עלי"

### וויפיל געלט קומט דאס אויס אין אונזערע היינטיגע געלטער?

לאמיר מאכן דעם חשבון: "אבנר" איז א איד אין דער דרייסיגער יארן. זאגט די תורה: **וְהָיָה עֶרְכְּךָ הַזָּכָר מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְעַד בֶּן שִׁשִּׁים שָׁנָה וְהָיָה עֶרְכְּךָ חֲמִשִּׁים שֶׁקֶל כֶּסֶף בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ...** פון 20 ביז 60 יאר, איז די שאצונג פופציג שקל!

**נו, וויפיל איז פופציג שקל הקודש?** זאגט דער חינוך: כפי שנקבע ע"פ חז"ל בזמן בית שני, איז א שקל פונקט דער זעלבע וואג פון דעם מטבע הנקרא סלע[ד]. (כ"ה ברמב"ם שקלים א ב ג). לויטן חשבון פון די ספרים, דארף דאס זיין בערך 17 גרם זילבער פאר איין שקל.

---

[א] עי' בספר החינוך מצות שנ': ונוהגת מצות ערכין בכל מקום ובכל זמן, בזכרים ונקבות. כלומר נוהגת לעניין שאם העריכו ערכן נתפס והוא קודש. **ומכל מקום אמרו חכמים דבזמן הזה לכתחילה אין מעריכין**, וכדאמרינן במסכת עבודה זרה פרק קמא (יג, א) אין מקדישין ואין מעריכין ואין מחרימין בזמן הזה, ואם הקדיש או העריך או החרים, בהמה תעקר, פרות כסות וכלים ירקבו, מעות וכלי מתכת יוליכם לים המלח.

[ב] עי' בדברי אבן עזרא עה"פ בערכך נפשות, ועי' עוד דברי הכלי יקר באריכות שעל כן סמך פרשה זו לקללות, לומר שישראל נודרים בעת צרה.

[ג] עי' רמב"ם (הלכות ערכים וחרמין א י) והערכים כולן והדמים הכל סתמן לבדק הבית ויפלו הכל ללשכה שהיתה במקדש מוכנת לקדשי בדק הבית.

[ד] ועיי"ש בחינוך והוא סלע זה, שאמרו זכרונם לברכה, שהוא (ארבעה) דינרין, והדינר שש מעין, ומעה היא הנקראת בימי משה גרה, כדמתרגם אונקלוס גרה מעה, ומשקלה שש עשרה שעורות.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

כהיום, איז איין גרם זילבער ווערד בערך 60. סענט. לאמיר צולייגן דעם פולן וואג פון 17 גראם, קומט דאס אויס בערך 10.20 דאללער פאר איין שקל. יעצט לאמיר דאס צאמרעכענען: פאר 50 סלעים, קומט דאס אויס בערך 510 דאללער, בזמנינו אלה.

דער כהן זאגט פאר אבנר, "לפי דבריך, איז דער סכום וואס איר דארפט באצאלן פאר הקדש **פופציג זילבערנע שקלים**! ווען פלאנט איר דאס צו באצאלן??"

אבנר הערט, בלייבט שטיל א מינוט און רופט זיך אן, "הרב כהן טייערע, איר דארפט פארשטיין. איך פארמאג נישט אזעלכע גרויסע געלטער, איך קען נישט זאגן גענוי א צייט ווען איך גיי דאס באצאלן! ס"ה איז דאס נאר א נדבה, עס איז נישט ווי אן הלואה וואס איך מוז באצאלן..."

דער כהן רופט זיך באלד אן און דאס מאל שוין אביסל שטרענג, "ר' איד, איר ווייסט אז דאס איז א נדר און נאך דערצו פאר הקדש, אויב באצאלט מען דאס נישט, איז מען עובר אויף דריי הארבע לאוין, **לא יחל דברו, בל תאחר לשלמו**, און **ככל היוצא מפיו יעשה.** איר דארפט האלטן ווארט און דאס נישט פארשוועכן, זייט מוחל און באצאלט דאס ווי אומשנעלסטן..."

אבנר רופט זיך אן פארשעמטערהייט, "רבי, איך וויל דאס באצאלן אבער איך האב נישט. איך בין א ריכטיגער עני, וואס טוה איך?"

"אה! יעצט זאגט איר שוין אנדערע ווערטער", זאגט דער כהן, "דאס שטייט אויך אין די תורה."

**וְאִם מָךְ הוּא מֵעֶרְכֶּךָ**, (ויקרא כז, ח), אויב דער נודר איז אן ארימאן, ער קען נישט געבן דעם פולן ערך וואס די תורה האט אים באשטימט, **וְהֶעֱמִידוֹ לִפְנֵי הַכֹּהֵן וְהֶעֱרִיךְ אֹתוֹ הַכֹּהֵן**, זאל ער קומען צום כהן און דער כהן וועט אים מאכן א פרישע אפשאצונג, **עַל פִּי אֲשֶׁר תַּשִּׂיג יַד הַנֹּדֵר יַעֲרִיכֶנּוּ הַכֹּהֵן**, לויט וויפיל ער פארמאגט, אזויפיל וועט מען נעמען פון אים, איבערלאזנדיג בלויז כדי חייו מטה כר וכסת וכלי אומנות[ה]. (עיי"ש פי' רש"י)

דער איד שטייט בהעלם, אינגאנצן פארטראכט און זאגט צו זיך, "**איך האב געזאגט! איז וואס?! ס"ה האב איך געהאט גוטע רצונות, אבער יעצט קען איך נישט!** וועגן צוויי ווערטער, בין איך שוין מחויב אוועקצוגעבן מיין לעצטע ביסן פון מויל, מען לאזט מיר איבער מיט גארנישט, נאר מיט מיין קישן און אקער-אייזן?! און אז איך געב שוין יא א נדבה, פארוואס מוז איך באצאלן דייקא מיין ערך?! **איך האב געזאגט! איז וואס?!** יעצט זאג איך "דעם סכום הערך פון א קינד פון א חודש," דאס קען איך יא ערלויבן!"

דער כהן רופט זיך אן ווארעם, "אבנר, אז דו האסט געוואלט עפעס טוהן פאר דיין נפש, זאלסטו מקיים זיין דיין נדר. דאס איז דער בעסטע סגולה פאר דיין נפש!" **פארוואס???**

# משרשי המצוה...
## דער סוד פון מצות ערכין!

זאגט דער חינוך (מצוה שנ'): וואס איז דער טעם פון די מצוה? **לפי שהאדם לא ישתתף בעליונים זולתי בדבור, והוא כל החלק הנכבד שבו**, דער מענטש פארמאגט אין זיך א ספעציעלע מעלה מער פון אלע בעלי חיים, **דער מעלה פון זיין "דיבור"**. מיט דער מעלה, איז ער דומה צו א מלאך[ו] און דאס איז דער עיקר חלק החשוב פונעם מענטש. פארוואס? ווייל **וזה יקרא באדם נפש חיה**, דער דיבור פון א מענטש איז דער נפש פונעם מענטש.

(ווי דער פסוק זאגט (בראשית ב, ז): **וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים**, דער אייבערשטער האט ארייַנגעבלאזן אין אדם א נשמה פון לעבן און... **וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה**. זאגט דער תרגום: **וַהֲוָת בְּאָדָם לְרוּחַ מְמַלְּלָא**, דער מענטש האט באקומען א רוח פון "רעדן", עפעס וואס קיין איין בעל חיה האט נישט... ווי רש"י איז מסביר דארט: דאס איז דער יחוס פונעם מענטש, ווייל א בהמה ווערט אויך אנגערופן נפש חיה. מיט וואס איז דער נפש פונעם מענטש מער? זאגט רש"י: **זו של אדם חיה שבכולן**, דער נפש פונעם מענטש לעבט מער פון אלע, **שנתוסף בו דעה ודבור).**

זאגט דער חינוך: דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן, ווייל אלע חלקים פונעם גוף שטארבן אפ נאך די 120 יאר און נאר איין זאך, דער נפש, וועט בלייבן פארן מענטש. **ואם יפסיד האדם זה החלק הטוב**, אויב דער מענטש וועט ח"ו קאליע מאכן די מתנה טובה, ער וועט נוצן זיין דיבור אן טראכטן פארדעם און אן קיין התחייבות, **ישאר הגוף מת וככלי אין חפץ בו**, וועט זיין גוף בלייבן ווי א טויטע זאך, ווי א כלי אן קיין ווערד, ווייל אפי' זיין נפש האט ער נישט, ה"י.

דערפאר, קומט די תורה מיט די פרשה פון נדרים און ערכין, מחייב צו זיין דער מענטש **להיות עומד בדיבורו**. א מענטש דארף וויסן, ווען מען זאגט עפעס צו פאר הקדש אדער פאר סיי וועלכע צדקה, דארף מען האלטן ווארט און מקיים זיין! מען דארף טוהן גענוי ווי מען האט צוגעזאגט און אפי' עס קומט אן זייער שווער, אעפ"כ דארף מען האלטן די דיבור חשוב און טייער!

~

פרשת ערכין דינט ווי א מוסר השכל און לערנט אונז אויס דעם כלל, "ר' איד, דיין דיבור איז נישט אבי גערעדט, מען קען נישט צוזאגן וואס מען וויל און דערנאך צוריק-צוען. דאס איז דיין נפש, דיין טייערסטע זאך אויף וואס דו דארפסט אכטונג געבן! ווען דו זאגסט עפעס ארויס, געדענק אז דו דארפסט און דו מוזט דאס מקיים זיין!"

פירט אויס דער חינוך: כאטש וואס מיר געפונען נישט אין די תורה ביי סתם עניני העולם, אז דורך משנה זיין א דיבור, איז מען עובר אויף א לאו אדער אן עשה, דאך איז דא א ציווי פון די חכמים וואס ווארענען אונז, **"בכמה אזהרות שלא ישנה אדם בדבורו, גם תקנו לקלל המשַׁנה בדבורו כל זמן שנעשה בענין מעשה, וזהו ענין מי שפרע..."** (בבא מציעא מד א)

---

[ה] בכל אופן סלע אחת יצטרך לשלם, עי' מסכת ערכין פרק ב' משנה א', אין בערכין פחות מסלע ולא יותר על חמשים סלע...

[ו] עי' חגיגה טז. ששה דברים נאמרו בבני אדם, שלשה כמלאכי השרת, שלשה כבהמה, **שלשה כמלאכי השרת**- יש להם דעת כמלאכי השרת, ומהלכין בקומה זקופה כמלאכי השרת, **ומספרים בלשון הקדש כמלאכי השרת**... ועיי"ש במהרש"א עיקר כוונת הברייתא היא שיש לבני אדם כח הדיבור... עיי"ש.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

# "ווען א איד איז מחשיב זיין דיבור, וועט ער אכטונג געבן אויף זיין דיבור"...

דער יוד הקדוש מפשיסחא זי"ע איז אמאל געגאנגען שפאצירן אויפן פעלד מיט זיין תלמיד. אזוי שפאצירנדיג צווישן די טאנצעדיגע עופות און בהמות וואס פאשען, רופט זיך אן דער תלמיד צום רבין, "איך וואלט זייער געוואלט פארשטיין וואס די חיות און בהמות רעדן!" ענטפערט אים דער יוד הקדוש, "ווען דו וועסט קודם צולייגן קאפ צו פארשטיין וואס דו אליין רעדסט, דעמאלטס וועסטו קענען אויך פארשטיין זייערע קוויטשקערייען." (תפארת היהודי אות טו)

~

## נאר א איד קען זאגן ערכי עלי, אבער נישט א גוי!

זאגט דער רמב"ם, (שם הלכה י): **הגוי נערך, אבל אינו מעריך**. א גוי קען ווערן געשאצט אבער ער קען נישט זאגן **"ערכי עלי"**. אפי' אויב א גוי זאגט, **"ערך ישראל זה עלי", לא אמר כלום**. פארוואס? ווייל מקדש זיין און אוועקגעבן דעם נפש, קען נאר א איד. א גוי האט נישט דער נפש און קען נישט ווערן נענטער צום אייבערשטען דורך זיין נפש.[ז]

**ואם תאמר**: אויב אזוי, וויאזוי ווערט א גוי בכלל געשאצט? דער רמב"ם זאגט דאך: אויב א איד זאגט, **"ערך עכו"ם זה עלי"**, שאצט מען אפ דעם ווערד פון דעם גוי.

**דער תירוץ איז פשוט**. א גוי האט א נפש, אבער נאר א נפש הבהמות, פונקט ווי מען קען מקדש זיין א בהמה און עס אויסלייזן, קען מען אויך מקדש זיין א גוי. (ווי רש"י זאגט: ערך- דבר שנפשו תלויה בו) אבער צו קענען זיין דער וואס איז מקדש, דאס קען דייקא נאר זיין א איד, ווייל נאר ער האט א נפש אלוקית, שהוא חלק אלוקי ממעל[ח], און נאר זיין דיבור קען מאכן אן אנדערע זאך הייליג.

> **והיינו טעמא**, פארוואס דייקא דער גוף פון א איד איז מטמא לאחר מותו, משא"כ דער גוף פונעם גוי איז נישט מטמא? ווייל א איד האט אין זיך א נפש אלוקית וואס איז הייליג. ווען דער נפש גייט ארויס, בלייבט איבער א רושם פון קדושה אינעם גוף, וואס דער צד הטומאה כאפט זיך צו צום דעם. משא"כ ביי א גוי, וואס האט קיינמאל קיין נפש רוחני נישט געהאט, לאחר מותו ווען זיין נפש הבהמי גייט ארויס, איז דער גוף ליידיג פון קדושה, פונקט ווי א בהמה. און פונקט ווי א בהמה איז נישט מטמא טומאת המת, אזוי אויך איז דער גוף פונעם גוי אויך נישט מטמא. (עי' אוחה"ק ריש פרשת חקת ליתר ביאור)

א נייע דערהער אינעם סיפור פון רבי שמעון בר יוחאי (שבת דף לג:)

# ווער איז רבי יהודה בן גרים? און וואס איז געווען זיין חטא?

עי' בהמשך עמוד ה'...

## מוסר השכל

יא! סיי ביי אידן און להבדיל ביי גוים, איז דאס ערגסטע טיטל וואס מען קען געבן פאר א מענטש, איז דאס אז... **"דו ביסט נישט קיין ווארטס-מענטש!"** יעדער וויל האבן דער נאמען ווי א ווארטס-מענטש, אבער נישט ביי יעדעם איז דער סיבה דערצו אייניג. דער יסוד ושורש הדבר איז גאר אנדערש ביי א איד און א גוי!

דער גוי וויל נאר לפנים הייסן "איך בין אן ערנסטע און גלייכע מענטש", אבער דאס איז נישט זיין עצם מהות, ער טוט דאס נאר צו געפעלן.

משא"כ, ביי א איד איז דאס איינס פון זיינע יסודות הנפש, זיין דיבור איז זיין נפש! היות זיין נפש איז אים זייער ווערד, זענען זיינע דיבורים אויך זייער טייער. ער טוט דאס מחשיב זיין, יעדע'ס ווארט וואס ער זאגט ארויס, האט ער א פליכט צו מקיים זיין, ער איז א אומר ועושה, המדבר ומקיים!

**וואו כאפט דער נפק"מ?**

ווען דער מצב טוישט זיך און עס ווערט שווער פארן מענטש צו זיין א מדבר ומקיים, דארט איז דער נפק"מ.

וויבאלד א גוי'ס עצם דיבור מיינט טאקע גארנישט, זיין גאנצע עומד בדיבורו איז נאר פאר זיין אייגענע אינטערעסן, ווען עס ווערט אים שווער, וועט ער גלייך טראכטן "**פארוואס מוז איך מקיים זיין דאס וואס איך האב געזאגט?** איך קען דאך האבן א תירוץ און זאגן... איך האב נישט געוואוסט... איך האב נאר געמיינט צו זאגן... דער מצב איז נישט דער זעלבע פון פריער... פארוואס דארף איך אזוי שטארק האלטן מיין ווארט?!"

משא"כ, דער איד ווייסט אז דייקא זיין דיבור, דאס איז וואס מאכט אים חשוב! דאס איז זיין מעלה מער פון יעדע סארט בעל חי! זיינע ווערטער זענען ביי אים זייער טייער און אז ער האט געזאגט, וועט ער פאר דעם גיין אין פייער...

**וחדא מכלל חבירתה איתמר:**

דער גוי, וויבאלד זיין עצם דיבור האט ביי אים נישט קיין שווית, עס מיינט ביי אים גארנישט, טראכט ער נישט צופיל איידער ער רעדט, און אין אין שמועס, קען ער צוזאמרעדן לשה"ר, שקר, חניפה און לצנות.

משא"כ דער איד, וואס זיינע דיבורים ווייזט אויף זיין פנימיות, וועט אויף קיין שום פאל ארויסרעדן א ווארט איידער ער וועט דאס גוט איבערטראכן, ער וויל דאך נישט האבן א פגם אויף זיין נפש.

דער הייליגער ר"ר אלימלך שרייבט אין צעטיל קטן (אות ח):

יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ שֶׁלֹּא יַתְחִיל לְדַבֵּר לְשׁוּם אָדָם זוּלַת לְצוֹרֶךְ גָּדוֹל הַהֶכְרֵחַ לוֹ **וְאַף הַהֶכְרֵחַ יְדַבֵּר בִּדְבָרִים קְצָרִים מְאוֹד מְנוּפָּה בְּי"ג נָפָה** שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדִיבּוּרוֹ שׁוּם שֶׁקֶר ח"ו וְשׁוּם חֲנִיפָה וְשׁוּם לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְשׁוּם הַלְבָּנַת פָּנִים וְלֹא שׁוּם הַרְאוֹת מַעֲשָׂיו לִבְנֵי אָדָם...

"**לא יחל דברו**". זאגט רש"י: לא יעשה דבריו חולין, מאך נישט פראסט דיינע ווערטער... טייטשן די ספה"ק: **ואם יעשה כן, ככל היוצא מפיו יעשה**, וועט דער אייבערשטער אויך טוהן ככל היוצא מפיו, אלעס וואס דו זאגסט.

---

[ז] משא"כ עכו"ם שאמר דמי עלי או דמי פלוני עלי נותן כפי נדרו, (שם הלכה יא)

[ח] א איד האט אין זיך צוויי נפשות. ווי דער תניא שרייבט "**דלכל איש ישראל אחד צדיק ואחד רשע יש שתי נשמות, שהן שתי נפשות**, נפש אחד מצד הקליפה וסטרא אחרא... ונפש השנית בישראל היא חלק אלוק ממעל ממש". (ליקוט אמרים פרק א' ע"פ מה שכ' הרח"ו ז"ל בשער הקדושה)

# רבי יהודה בן גרים

**שבת דף לג:** דיתבי רבי יהודה ורבי יוסי ורבי שמעון, ויתיב יהודה בן גרים גביהו. פתח ר' יהודה ואמר כמה נאים מעשיהן של אומה זו, תקנו שווקים תקנו גשרים תקנו מרחצאות, ר' יוסי שתק, **נענה רשב"י ואמר**, כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמן, תקנו שווקין להושיב בהן זונות, מרחצאות לעדן בהן עצמן, גשרים ליטול מהן מכס, **הלך יהודה בן גרים וסיפר דבריהם**, ונשמעו למלכות, אמרו יהודה שעילה יתעלה, יוסי ששתק יגלה לציפורי, שמעון שגינה יהרג...

**דערציילט די גמרא:** דריי חברים תנאים זענען געזעצן און געשמועסט, **רבי יהודה, רבי יוסי** און **רבי שמעון**. אין דער זייט, איז געזעצן דארט נאך איינער מיטן נאמען **יהודה בן גרים**...

**ר' יהודה** רופט זיך אן, "קוק ווי שיין און וואויל זענען די רומיים, זיי האבן אהערגעשטעלט מארק פלעצער, בריקן און בעדער." **ר' יוסי** הערט וואס ר' יהודה זאגט אבער ער זיצט שטיל און איז גארנישט מגיב. **ר' שמעון** האלט דאס נישט אויס און רופט זיך אן צו ר' יהודה, "איר קלערט אז זיי האבן דאס געמאכט פאר אונזער טובה?! אלעס וואס איר האט יעצט אויסגערעכנט, האבן זיי נאר זיך אינזין געהאט און געבויעט פאר זייער טובה..."

דערציילט די גמרא ווייטער: **הלך יהודה בן גרים וסיפר דבריהם**, ונשמעו למלכות... **יהודה בן גרים** איז געגאנגען און דאס ווייטער דערציילט און דאס איז אנגעקומען ביז צום מלכות.

דער מלכות, הערנדיג פון די שמועס פון די גרויסע ראשי ישיבות, האט זיך זייער געבייזערט, היתכן ר' שמעון האט זיי אזוי שטארק מבזה געווען. עס איז ארויס א באפעל אז מען דארף הרג'נען ר' שמעון. ר' שמעון האט באקומען די ידועה און נאך איידער זיי האבן געקענט עפעס טוהן, האט ער זיך באהאלטן, ביז ער איז אנגעקומען אין די מערה...

דערציילט די גמרא (דף לד): נאכן זיין דרייצן יאר אין די מערה, איז רבי שמעון בר יוחאי ארויסגעקומען. זייענדיג אינעם מארק אין טבריה, **חזייה ליהודה בן גרים**, פלוצלינג זעהט ער יהודה בן גרים, **אמר, "עדיין יש לזה בעולם**, דער יהודה בן גרים לעבט נאך?" **נתן בו עיניו ועשהו גל של עצמות**, ר' שמעון בן יוחאי האט אים שטארק אנגעקוקט און דער יהודה איז געווארן א הויפן ביינער, אזוי ווי איינער וואס איז שוין אוועק אסאך יארן צוריק. (רש"י)

לאמיר זיך מתבונן זיין בדברי הגמרא:

## ווער איז דאס רבי יהודה בן גרים? און וואס איז געווען זיין חטא?

פשוט פשט קוקט אויס אז מען רעדט דא פון איינער א רשע, א בן גרים, איינער וואס האט געוואלט פאר'מסר'ן רבי שמעון... און דערפאר, ווען רבי שמעון איז ארויס פון די מערה און אים געזעהן, **נתן בו עיניו ועשהו גל של עצמות.**

**זאגט תו"ס** (ד"ה ה"ג ר"ת): יהודה בן גרים איז נישט געווען סתם איינער, ער איז געווען זייער א גרויסע מענטש. דערפאר, דארף מען דא גורס זיין <u>רבי</u> יהודה בן גרים, און נישט סתם יהודה בן גרים.

ער איז געווען א גרויסע תלמוד חכם. איר ווייסט וועמען'ס תלמיד ער איז געווען? ער איז געווען א תלמיד פון נישט קיין צווייטער ווי רשב"י אליין. און רשב"י האט אפי' מעיד געווען אויף זיין גרויסקייט, ווי די גמרא דערציילט (מו"ק ט.) ...

**רבי יונתן בן עסמיי** און **רבי יהודה בן גרים** האבן געלערנט אינעם בית המדרש פון **רבי שמעון בר יוחאי**. איינמאל האט זיך געמאכט אז די צוויי תלמידים האבן געדארפט אוועקפארן פון שטאט לצורך א געוויסע ענין. סוף טאג, ווען די צוויי תלמידים האבן געענדיגט זייערע לימודים, זענען זיי געגאנגען זיך געזעגענען מיטן רבי'ן, פרעגנדיג דערביי רשות אויב זיי מעגן גיין. רשב"י האט זיי געגעבן רשות און זיי האבן זיך געזעגענט.

דעם קומענדיגע טאג אינדערפרי און עודך, די צוויי תלמידים קומען נאכאמאל צו רשב"י זיך געזעגענען, פרעגנדיג דערביי רשות אויב זיי מעגן גיין. רשב"י וואונדערט זיך זייער און פרעגט, "**וכי לא באתם אליי אמש?** זענט איר נישט דא געווען נעכטן זיך געזעגענען? וואס איז געשעהן אז איר קומט היינט נאכאמאל?"

די תלמידים האבן מסביר געווען פארן רבי'ן אז למעשה זענען זיי דא געבליבן נעכטיגן און "מיר האבן געלערנט די הלכה פון רבי'ן **שתלמיד הנפטר מרבו ולאחר מכן לן בלילה באותה העיר, עליו להיפרד ממנו שוב בפעם אחרת**". צולייגנדיג א ראיה פונעם חנוכת הבית ביים ביהמק"ד הראשון...

רבי שמעון איז זייער שטארק נתפעל געווארן פון זיי, ואמר לבנו: "**בני אדם הללו – אנשים של צורה הם. לך אליהם שיברכו אותך**". דאס זענען גרויסע תלמידי חכמים. מיין קינד, גיי זיך בענטשן ביי זיי... (עיי"ש באריכות). **זעהט מען פון דעם אז רבי יהודה בן גרים איז געווען א גרויסע מענטש**.

ענדיגט צו תוס': וויבאלד ער איז געווען אזא גרויסע מענטש, קען מען נישט גורס זיין שפעטער **נתן בו עיניו ועשהו גל של עצמות**, ווייל דאס איז א לשון גנאי, נאר מען דארף גורס זיין "**נתן בו עיניו, ונח נפשיה**", ער איז פשוט אוועק פון דער וועלט.[ט]

אויב אזוי, שטעלט זיך א גרעסערע קשיא: וואס האט רבי יהודה בן גרים געוואלט דא? פארוואס האט ער דאס פארציילט?

זאגט רש"י: **וסיפר דבריהם. לתלמידים או לאביו ואמו**, רבי יהודה בן גרים האט ח"ו נישט אינזין געהאט קיין שום שלעכטס, ער האט דאס

---

ט (אזוי ווי עס שטייט פריער ביי ההוא סבא עיי"ש.)

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

ס"ה דערציילט פאר זיינע תלמידים אדער פאר זיינע עלטערן, **ולא להשמיען למלכות ונשמעו על ידו למלכות.**

**נו, אויב אזוי, דארף מען הערשט פארשטיין: מה פשעו וחטאתו, פארוואס האט ער געדארפט שטארבן אזוי?**

**ואם תאמר:** "סוף כל סוף, מעג מען דען פארציילן יענעמ'ס פריוואטע שמועסן?" דער תירוץ איז, "ניין, עס איז נישט געווען פריוואט!" ווי די גמרא זאגט אין ב"ב, (ל"ט.): **אמר רבה בר רב הונא כל מילתא דמתאמרא באפי תלתא לית בה משום לישנא בישא**, ווייל עס איז **עבידא לאיגלויי**. דא איז עס דערציילט געווארן פאר דריי מענטשן, האט ער דאך על פי הלכה געמעגט דאס פארציילן ווייטער. אויב אזוי, פארוואס איז ער נענש געווארן?

דערפאר, זענען דא מפורשים וואס ווילן זאגן אז ער האט יא געהאט בייזע כוונות ביים פארציילן ווייטער, ובכה"ג אפי' ווען עס איז געזאגט געווארן בפני שלשה איז דאס נאך אלץ אן איסור פון לשה"ר און רכילות...

זאגט דער חפץ חיים: (בספרו חפץ חיים, הלכות לשון הרע, כלל ב', סעיף ה', באר מים חיים שם) ווי אזוי קען מען זאגן אזא זאך, אז רבי יהודה בן גרים זאל מיינען שלעכטס? תוספות זאגט דאך אז מען דארף דא גורס זיין "רבי", ווייל ער איז געווען א גרויסע מענטש, און עס איז נישט יתכן אז אזא מענטש וואס מען דארף רופן "רבי" זאל האבן אפי' א קלער פון שלעכטס טוהן!

נאר וואס יא? זאגט דער חפץ חיים: דא איז געווען עפעס אנדערש. וויבאלד די מענטשן זענען געווען זייער גרויסע מענטשן, "אנשים יראי אלוקים" (תנאים), מסתמא האבן זיי נישט געוואלט דאס זאל ווערן פארציילט פאר אנדערע. ע"כ, על אף וואס דאס איז פארציילט געווארן בפני שלשה, האט יהודה בן גרים דאס נישט געמעגט פארציילן ווייטער...

לפי"ד מה שכ' לעיל, פארשטיין מיר דאס זייער גוט. מען רעדט דא פון גרויסע צדיקים ירא אלקים, וואס ביי זיי איז דער דיבור נישט געווען קיין פראסטע זאך. נאר אדרבא, יעדע'ס ווארט איידער עס איז ארויסגעקומען פון מויל, איז דאס געווען מנופה בי"ג נפה. ביי זיי איז נישט שייך צו זאגן "**עבידא לאיגלויי**", ווייל אפי' ווען זיי הערן עפעס, גייען זיי דאס נאך אלץ נישט איבערפארציילן.

רבי יהודה בן גרים אבער, האט געקלערט אז ער מעג יא, כי תורה הוא וללמוד אני צריך, עס איז דאך מיין רבי'ס טייערע ווערטער!!

**אויב אזוי, וואס איז דער טענה אויף אים?**

## לאמיר נאך איינמאל אויפמישן די גמרא אין מו"ק,

די גמ' וואס מיר האבן פריער געברענגט...

**זאגט די גמרא: רבי יונתן בן עסמיי ורבי יהודה בן גרים תנו "פרשת נדרים" בי רבי שמעון בן יוחי... איר הערט וועלכע מסכת רבי יהודה האט געלערנט ביי רבי שמעון, "מסכת נדרים"!**

**יעצט ווערט שוין דער טענה אסאך גרעסער, יעדע גרויסע תנא וואס האט גוט געלערנט מסכת נדרים ביי רשב"י אליין, וואס מסכת "נדרים" זאגט איינמאל און נאכאמאל "לא יחל דברו- מאך נישט פראסט דיין דיבור," אזא איינער וואלט געדארפט האלטן זיין דיבור חשוב און טייער, ער וואלט געדארפט אכטונג געבן איידער ער רעדט...**

**דערפאר, דייקא אויף דער גרויסע תלמיד איז דער טענה אסאך גרעסער...**

ואולי קען זיין הנ"ט, פארוואס רשב"י האט זיך אזוי געוואונדערט ביים קומען נאכאמאל געזעגענען! איר האט דאך שוין געזעגנט איינמאל, פארוואס דארף מען רעדן נאכאמאל? חכמים הזהרו בדבריהם!

# מעשה רב:

## דער חפץ חיים זאגט פארן עושר...

ווי באקאנט, פלעגט דער חפץ חיים ארומפארן שאפן געלט פאר זיין ישיבה אין ראדין. איינמאל, זייענדיג אין מאסקעווע מיט זיין איידעם ר' צבי לעווינסאן ז"ל, איז ער געגאנגען באזוכן איינע פון די תומכים פון די ישיבה. עס האט זיך געמאכט אז פונקט אינמיטן די שמועס האט ר' צבי געדארפט ארויסגיין שיקן זייער א וויכטיגן טעלעגראם. בלייבנדיג אליין מיטן עושר, האט דער חפץ חיים מורא געהאט אז אפשר וועט ער דא צוקומען צו רעדן לשה"ר. האט דער חפץ חיים געזאגט פארן עושר, "**איר ווייסט אז דארט אינעם צווייטן צימער, שרייבט מען יעצט א טעלעגראם? מען זיצט און מען טראכט איבער יעדע'ס ווארט, פונקטלעך וואס צו זאגן. איר ווייסט פארוואס? ווייל אויף יעדע ווארט עקסטער, דארף מען באצאלן!**" (לשכנו תדרשו)

ווען מיר זאלן נאר מאכן א חשבון וויפיל חלקים מחלקי התורה ווענד זיך נאר אין דעם איינעם זאך, "דער דיבור"! הזמן יוכלו והם לא יוכלו, ווען מיר זאלן ווען מאכן דעם אמת'ע חשבון און פארשטיין דער ריטכיגע ווערד פונעם דיבור, וואלטן מיר אוודאי דאס נאר גענוצט ריכטיג און וויכטיג. **תן לחכם ויחכם עוד.**

# צידה לדרך:

צו האט ער אמאל געקלערט וויפיל זאכן ווערן אפעקטירט בלויז מיט א דיבור פון א איד?

מיטן זאגן "**הרי זו עולה**" אויף א פשוט'ע בהמה, ווערט די בהמה הייליג מיט די גרעסטע מאס קדושה.

עס קען שוין לאנג זיין דער מולד, אבער נאר ווען ווערט דער חודש מקודש? **מיטן זאגן פון בי"ד**, "מקודש מקודש".

א מצורע קען האבן אלע סימני טומאה, אבער נאר ווען ווערט ער טמא? **מיטן זאגן פונעם כהן** "טמא".

**מיטן זאגן פון יעדע פשוט'ע איד** "לכבוד שבת קודש", ווערט די מאכל נקבע פאר שבת.

**מיטן זאגן פון א צובראכענע איד**, רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי, פאלט אוועק פעק פון עבירות!

פארוואס? ווייל דער דיבור פון א איד האט א שווית, עס קומט פון דער נפש, און דער נפש פון א איד איז א חלק אלוקה ממעל...

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com